עֶטְלִיכֶע הֲלָכוֹת אוֹיף "בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ"

# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת קדושים

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד
054-8494370

# תוכן הענינים

## לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ - דֶער חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶע בְּרִיאָה


דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל ............ ה

מַחְשִׁיב זַיין דִי גַאנצֶע בְּרִיאָה ............ ז

דֶער חֻרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - נִישְׁט מַחְשִׁיב גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִיט אִידְן ............ ט

תַּלְמִידֵי רַבִּי עֲקִיבָא ............ י

הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ ............ יא

לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר ............ יג

מַחְשִׁיב זַיין דִי אֵייגֶענֶע תּוֹרָה וּמִצְוֹת ............ טו

דִי חֲשִׁיבוּת אֲפִילוּ פוּן אַ דוֹמֵם ............ טז


## הֲלָכוֹת אוֹיף לֹא תִשְׂנָא אוּן הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ


לֹא תִשְׂנָא ............ יח

מִצְוַת תּוֹכָחָה ............ כג

# פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים

## לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ – דֶער חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶע בְּרִיאָה

☆ דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל ☆ מַחְשִׁיב זַיין דִי גַאנצֶע בְּרִיאָה ☆ דֶער חֻרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ – נִישְׁט מַחְשִׁיב גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִיט אִידְן ☆ תַּלְמִידֵי רַבִּי עֲקִיבָא ☆ הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ ☆ לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר ☆ מַחְשִׁיב זַיין דִי אֵייגֶעגֶע תּוֹרָה וּמִצְוֹת ☆ דִי חֲשִׁיבוּת אֲפִילוּ פוּן אַ דוֹמֵם

### דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל

**דִי** פָּרָשָׁה פוּן דִי וָואךְ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַסַאךְ מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט אָנְפַאנְג פָּרָשָׁה **רוֹב גוּפֵי תוֹרָה תְּלוּיִין בָּהּ**. אַסַאךְ פוּן דִי מִצְוֹת זֶענֶען בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, זַאכְן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ טָאג טֶעגְלִיךְ אִינֶעם לֶעבְּן, יֶעדֶע מָאל וָואס אֵיינֶער רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטֶע קֶען מֶען עוֹבֵר זַיין אִסוּרִים אָדֶער מְקַיֵים זַיין פִיל פוּן מִצְוֹת.

**אֵיינֶער** פוּן דִי גָאר וִויכְטִיגֶע פְּסוּקִים אִין דִי וָואךְ פָּרָשָׁה אִיז (יט יז) **"לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ** זָאלְסְט נִישְׁט פֵיינְט הָאבְּן דַיין בְּרוּדֶער אִין הַארְץ, **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ** זָאלְסְט זָאגְן מוּסָר פַאר דַיין פְרַיינְד **וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא** אוּן זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּלִיבּ אִים אַ זִינְד"[א].

**אַהֲבַת** יִשְׂרָאֵל אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְתָא פוּן "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" אוּן ח"ו פַארְקֶערְט שִׂנְאַת יִשְׂרָאֵל אִיז א אִסוּר פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ". דִי מִצְוָה פוּן לִיבּ הָאבְּן אַ אִיד אִיז דֶער עִיקָר יְסוֹד פוּן לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי הִלֵל הַזָּקֵן הָאט גֶעזָאגְט (שבת לא א)[ב]

**א.** די מפרשים ברענגען עטליכע פירושים אויף די ווערטער: **תרגום אונקלס** – דורך זאגן מוסר ווערט מען נישט געשטראפט צוליב יענעמ'ס זינד. **רש"י** – זאג אים מוסר בדרך כבוד, ווייל אויב וועסטו אים פארשעמען ברבים וועט דאס ווערן פארעכנט אלס א זינד. **רוב ראשונים** [רמב"ן, אבן עזרא, חזקוני, רמב"ם ספה"מ מצוה רה] – דורך דעם וואס דו וועסט זאגן מוסר, וועסטו נישט נכשל ווערן אין די עבירה פון חושד זיין בכשרים, ווייל אויב וועט דער מוסר נישט זיין ריכטיג, דאן וועט דער מענטש דיך אויפקלערן דערוועגן, און פארציילן פארוואס ער האט אזוי געטון. [זעה הערה טז].

**ב.** די גמרא (שם) ברענגט אראפ דארט די באוואוסטע מעשה אז א גוי איז אמאל געקומען צו שמאי הזקן, און ער האט אים געבעטן: זיי מיך מגייר, אבער מיטן תנאי אז דו זאלסט

פַארְן גֵר, אַז דִי יְסוֹד פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז "**מַה דַעֲלָךְ סָנִי לְחַבְרָךְ לֹא תַעֲבִיד** - וָואס דוּ וִוילְסְט נִישְׁט אַז עֶס זָאל גֶעטְהוּן וֶוערְן צוּ דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְהוּן פַאר דֵיין חָבֵר, **זוּ הִיא כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ** דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, **וְאִידָךְ** אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹות **פֵּרוּשָׁהּ הוּא** אִיז אַן עֶרְקְלֶערוּנְג אוֹיף דֶעם, **זִיל גְּמוֹר** גֵיי לֶערְן[ג]".

**מֶען** קֶען אֶפְשָׁר מַסְבִּיר זַיין דֶער הַארְבְּקֵייט פוּן דֶער אִסוּר, אוּן פַארְוָואס הִלֵל הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן דֶער גַאנְצֶע תּוֹרָה, **וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם, מִיר קוּמֶען אַלֶע פוּן אוּנְטֶערְן כִּסֵא הַכָּבוֹד, אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מְזַלְזֵל אִין דֵיין חָבֵר, בִּיסְטוּ חָלִילָה פּוֹגֵם אִין דֶער**

---

מיר אויסלערנען די גאנצע תורה 'בשעת איך שטיי אויף איין פוס' [דאס מיינט שנעלערהייט, ווייל א מענטש קען נישט שטיין אויף איין פוס פאר א לאנגע צייט], און שמאי הזקן האט אים אוועקגעשטופט, ווייל די תורה איז גרויס מיט אסאך מצוות און פרטים, וואס מען קען נישט לערנען שנעלערהייט.

איז דער גוי געגאנגען צו הלל הזקן, מיט די זעלבע בקשה: זיי מיר מגייר, אבער מיטן תנאי אז דו זאלסט מיר אויסלערנען די גאנצע תורה 'בשעת איך שטיי אויף איין פוס', און הלל הזקן האט אים מגייר געווען, און ער האט אים געזאגט **'מה דעלך סני לחברך לא תעביד** וואס דו ווילסט נישט אז עס זאל געטון ווערן צו דיר, זאלסטו נישט טון פאר דיין חבר, **ואידך פירושא זיל גמור** און אלע מצוות זענען א פירוש אויף דעם, גיי לערן!

דער מהרש"א פרעגט, פארוואס האט הלל געזאגט צו דער גר, 'מה דעלך סני לחברך לא תעביד', נישט אויף א פאזיטיווע אופן, נאר ליבערשט א לייכטע אופן, אז דו זאלסט נישט טון עפעס וואס דו ווילסט נישט אז מען זאל טון צו דיר, פארוואס האט הלל נישט געזאגט, 'ותרחמיה לחברך כותך', האב ליב דיין חבר אזוי ווי דיך אליין, וואס דאס איז לכאורה דער אפטייטש פון ואהבת לרעך כמוך. דער" מהר"ל (נתיבות עולם – נתיב אהבה) ענטפערט, אז די מצוה פון אהבת חברים איז צוטיילט אין עטליכע קאַטעגאָריען, אין די תורה שטייט ערשט די איסור פון לא תשנא את אחיך, אז מען טאר נישט פיינט האבן א איד, און דערנאך שטייט ואהבת לרעך, אז מען דארף ליב האבן א איד, כדי צו צוקומען צום תכלית השלימות פון אהבת חברים, דארף מען גיין שטאפלוויז, ערשט ארבעטן אויף נישט צו פיינט האבן קיינעם, און נאר דערנאך קען מען ליב האבן יעדעם, ביז מען קומט צו צום דרגה פון "כמוך" ליב האבן א חבר פונקט ווי זיך אליין.

הלל הזקן האט ערשט געזאגט פאר די גוי אז ער זאל נישט פיינט האבן א צווייטן, און דאס וועט שוין צוברענגען אז ער זאל ליב האבן יעדן איינעם, וואס דאס ברענגט דער אמת'ע אהבה צו אהבת השם יתברך.

**ג.** קען זיין אז דעס איז די כוונה פון רש"י אנהייב פרשה, ער ברענגט פון חז"ל (ויקרא רבה כד) אז פרשת קדושים איז געזאגט געווארן **'בהקהל'**, - משה רבינו האט צוזאם גענומען אלע אידן פון גרויס ביז קליין, - ווייל **'רוב גופי התורה תלויין בה'** – רוב פון די יסודות פון די תורה

**בַּאשֶׁעפֶּערְס כָּבוֹד**, וֵוייל אַ אִיד אִיז דֶער קִינְד פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן דוּרְךְ אִים פֵּיינְט הָאבְּן, בִּיסְטוּ דָאךְ מְזַלְזֵל אוּן השי"ת כִּבְיָכוֹל.

**אוּן אוּן דֶעם לִיגְט נִישְׁט נָאר פֵּיינְט הָאבְּן אַ אִיד, נָאר מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ אֲפִילוּ אַ אוֹיךְ אַ דוֹמֵם יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אַ וַדַּאי אִיז דֶער עִיקָר מַחְשִׁיב זֵיין דֶעם אִיד וָואס אִיז אַ קִינְד פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, אָבֶּער אוּן אַ גֶעוִוויסֶע מָאס דַארְף מֶען יֶעדֶע זַאךְ פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס בְּרִיאָה מַחְשִׁיב זֵיין.**

## מַחְשִׁיב זֵיין דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה

**מֶען** דַארְף מַחְשִׁיב זֵיין יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶער בְּרִיאָה פוּן רבוש"ע לוֹיט זֵיין חֲשִׁיבוּת אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה לֹא תַעֲלֶה בְמַעֲלוֹת עַל מִזְבְּחִי (שמות כ כג) עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַן אִסוּר צוּ בּוֹיעֶן טְרֶעפּ אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיפְן מִזְבֵּחַ, כְּדֵי דִי כֹּהֲנִים זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן זֵייעֶרֶע פִּיס בֵּיים אַרוֹיף גֵיין, וָואס אִיז אַ זִלְזוּל פַאר דֶער מִזְבֵּחַ, רַשִׁ"י שְׁרֵייבְּט אַ מוֹרָאדִיגֶע לִמּוּד וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען פוּן דֶער לֹא תַעֲשֶׂה, "**וַהֲרֵי דְּבָרִים קַל וָחֹמֶר**, עֶס אִיז דָאךְ אַ קַל וָחֹמֶר **וּמַה אֲבָנִים הַלָּלוּ**, אוּן מַה-דָאךְ דִי דָאזִיגֶע שְׁטֵיינֶער פוּנֶם מִזְבֵּחַ, **שֶׁאֵין בָּהֶם דַּעַת לְהַקְפִּיד עַל בִּזְיוֹנָן**, וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל צוּ מַקְפִּיד זֵיין אוֹיף זֵייעֶרֶע שַׁאנְדֶע, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ **אָמְרָה תּוֹרָה הוֹאִיל וְיֵשׁ בָּהֶן צֹרֶךְ** וִויבַּאלְד עֶס אִיז דָא אִין זֵיי אַ נוּצְן, **לֹא תִנְהַג בָּהֶם מִדַּת בִּזָּיוֹן**, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פִירְן מִיט זֵיי מִיט שַׁאנְדֶע, **חֲבֵרְךָ שֶׁהוּא בִּדְמוּת יוֹצֶרְךָ**, דֵיין חָבֵר וָואס עֶר פַארְמָאגְט אוֹיף זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע גֶעשְׁטַאלְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, **וּמַקְפִּיד עַל בִּזְיוֹנוֹ** אוּן עֶר אִיז מַקְפִּיד אוֹיף זֵיין פַארְשֶׁעמוּנְג, **עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה** אַז מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן מֶען דַארְף אִים מַחְשִׁיב זֵיין".

**אוֹיךְ** גֶעפוּנֶען מִיר דֶער עִנְיָן אַז אִין הִימְל אִיז מֶען מַחְשִׁיב יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ א גּוֹי, - וַוייל דָאס אִיז א נִבְרָא פוּן השי"ת – פוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט דִי שְׁטָאט נוֹב - אַ שְׁטָאט פוּן כֹּהֲנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן פַאר דָוִד בְּרוֹיט צוּ עֶסְן אוּן דִי שְׁוֶוערְד פוּן גָּלְיַת הַפְּלִשְׁתִּי, בְּשְׁעַת עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן שָׁאוּל, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפְרֶעגְט דוּרְך דִי אוּרִים וְתוּמִים וִוי אֲזוֹי דָּוִד זָאל זִיךְ פִירְן כְּדֵי עֶר זָאל מַצְלִיחַ זֵיין (עי' שמואל-א, פרקים כ"א וכ"ב).

**דִי** כֹּהֲנִים פוּן דִי שְׁטָאט נוֹב פְלֶעגְן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט גִּבְעוֹנִים[ד] וָואס פְלֶעגְן שֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר דִי כֹּהֲנִים, אוּן פוּן דֶעם הָאבְּן דִי גִּבְעוֹנִים גֶעהַאט פַּרְנָסָה. אוּן וֶוען

---

שטייען אין די פרשה', קען זיין, דאס מיינט די מצווה פון 'ואהבת לרעך כמוך' וואב איז דער יסוד פון די גאנצע תורה, אזוי ווי הלל האט געזאגט **"זו היא כל התורה כולה"**.

**ד.** אין ספר יהושע (פרק ט) שטייט, אז די גבעונים זענען געווען פון די פאלק 'אמורי', וואס די אידן זענען געוואורן באפוילן זיי אויסצו'הרג'נען [זייענדיג פון די זיבן פעלקער פון כנען]. נאר זיי האבן אויסגע'נאר'ט יהושע און די נשיאים, אז זיי זענען אן אנדערע פאלק פון א ווייטע ארט, און זיי ווילן זיך באהעפטן צום אידישן פאלק. און יהושע און די זקנים האבן געשוואוירן

שָׁאוּל הָאט אוֹיסְגֶע׳הַרְגֶ׳עט דִי כֹּהֲנִים, הָאבְּן דִי גִבְעוֹנִים פַארְלוֹירְן זֵייעֶרֶע פַּרְנָסוֹת.

**דֶער** גְּמָרָא (יבמות עח:) פַארְצֵיילְט, **"וַיְהִי רָעָב בִּימֵי דָּוִד שָׁלֹשׁ שָׁנִים שָׁנָה אַחֲרֵי שָׁנָה** עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער אִין דֶער צֵייטְן פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ דְרֵיי גַאנְצֶע יָאר נָאכְאַנַאנְד, דֶער עֶרְשְׁטֶער יָאר פוּן דֶער הוּנְגֶער הָאט דָּוִד גֶעפְרֶעגְט דִי אִידְן צוּ אֵיינֶער דִינְט חָלִילָה עֲבוֹדָה זָרָה, וֵוייל עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק **וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים**, אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן דִינֶען פְרֶעמְדֶע אָפְּגֶעטֶער דֶעמָאלְטְס **וְעָצַר אֶת הַשָּׁמַיִם וְלֹא יִהְיֶה מָטָר** וֶועט נִישְׁט קוּמֶען קֵיין רֶעגְן, אִין מֶעגְלִיךְ צוּלִיבּ דֶעם אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְגֶער, פַארְצֵיילְט דֶער גְּמָרָא אַז מֶען הָאט בּוֹדֵק גֶעוֶוען צוּ אֵיינֶער דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. דֶער צְוֵויטֶע יָאר הָאט דָּוִד גֶעזָאגְט אֶפְשָׁר זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען עוֹבֵר אִסוּר עֲרָיוֹת, אוּן מֶעגְלִיךְ אַז צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן, הָאט מֶען נָאכְגֶעפָארְשְׁט בֵּיי דִי אִידְן, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קֵיינֶער עוֹבֵר זֵיין אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת, אִין דֶער דְרִיטֶע יָאר הָאט דָּוִד הַמֶּלֶךְ גֶעוָואלְט אָנְהֶענְגֶען דֶער הוּנְגֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן צוּ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט, זָאגְט דֶער גְּמָרָא בָּדְקוּ וְלֹא מָצְאוּ, מֶען הָאט גֶעזוּכְט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן.

**נָאךְ** דֶער דְרִיטֶע יָאר הָאט דָּוִד גֶעזָאגְט **אֵין הַדָּבָר תָּלוּי אֶלָּא בִּי** אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג אוֹיף דֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי הוּנְגֶער יָארְן, הָאט דָּוִד אָנְגֶעפְרֶעגְט בֵּיי דֶער אוּרִים וְתֻמִּים פַארְוָואס עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אַ הוּנְגֶער אוֹיפְן פָאלְק, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר דָּוִד אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען שָׁאוּל כְּהַלָּכָה, אוּן אוֹיף דֶעם וָואס שָׁאוּל הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דִי גִבְעוֹנִים.[ה]

פאר זיי אז מען וועט זיי נישט טון קיין שלעכטס, און צוליב דעם האט מען זיי נישט געמעגט הרג׳נען. אבער יהושע האט זיי געשטעלט אלס האלץ האקערס און וואסער שעפערס.

**ה.** רבי ישראל סאלאנטער זצ״ל לערנט ארויס פון דער גמרא א תוכחת מוסר ווי אזוי מען דארף זאגן מוסר פאר איינעם, אזוי ווי עס ווערט פארציילט אין ספר אור ישראל אז ר׳ ישראל איז אמאל ארויס פון זיין הויז מיט א בינטל געלט, אפצוגעבן א חוב פאר איינעם, עפעס א חשוב׳ער רב איז פונקט דעמאלטס איינגעשטאנען ביי ר׳ ישראל אינדערהיים און ער האט באמערקט ווי ר׳ ישראל גייט ארויס מיט געלט, האט דער רב געפרעגט ר׳ ישראל פארוואס גייט ער אליין איבער געבן דאס געלט ער קען עס דאך שיקן מיט א שליח, האט ר׳ ישראל אים געזאגט ווייל ער וויל אריין זאגן פאר יענעם דברי מוסר ממילא וויל ער פארדעם אים מכבד זיין און קומען צו אים אליין.

און ער האט געזאגט אז מען זעט פון די גמרא - אז אזוי איז דער פאסיגע וועג צו זאגן מוסר, - פון דער תשובה וואס דוד המלך האט באקומען פונעם אייבערשטער אז דער הונגער איז געקומען צוליב צוויי חטאים, איינס – פאַרן נישט מספיד זיין שאול און פאַרן לאזן די גבעונים אן קיין פרנסה, איז מבואר אין די גמרא אז פאר מען זאגט איינעם מוסר מוז מען

**כָּאטְשׁ** דִי גִבְעוֹנִים הָאבְּן נָאךְ דֶעמָאלְטְס גֶעלֶעבְּט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוערְן זֵיי אָנְגֶערוּפְן טוֹיט, וֵוייל שָׁאוּל הָאט אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט דֶער שְׁטָאט נוֹב, אוּן וִויבַּאלְד דִי גִבְעוֹנִים הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע גַאנְצֶע שְׁפֵּייז פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן נוֹב, וֵוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי וַואסֶער טְרֶעגֶערְס אוּן הָאלְץ הַאקֶערְס פַאר דֶער שְׁטָאט נוֹב, הָאבְּן זֵיי פוּן דֶעם גֶעהַאט פַּרְנָסָה, אָבֶּער אֵיינְמָאל דִי מֶענְטְשְׁן פוּן נוֹב הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעלֶעבְּט הָאבְּן דִי גִבְעוֹנִים נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין פַּרְנָסָה וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט וִוי טוֹיט.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דֶערְהֶער אֲפִילוּ דִי גִבְעוֹנִים זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אִידְן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָארְף אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְגֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעזָארְגְט פַּאר זֵיי אוּן זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב גֶעוֶועןו.

**אִין הִימְל אִיז מֶען מַחְשִׁיב אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי בְּרִיאָה, וֵוייל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה הָאט אַ תַּכְלִית, אוּן פוּן יֶעדֶע זַאךְ קֶען אַרוֹיס קוּמֶען אַ כְּבוֹד שָׁמַיִם – 'כֹּל פָּעַל ה' לַמַּעֲנֵהוּ' מִמֵּילָא טָאר מֶען ח"ו נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס וֶועלְט.**

## דֶער חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - נִישְׁט מַחְשִׁיב גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִיט אִידְן

**מִיט** דֶעם קֶען מֶען מַסְבִּיר זַיין, וָואס מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל שְׁטֵייט אַפָּאר טְעָמִים אוֹיפְן חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אֵיין טַעַם שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (בבא מציעא פה ב, נדרים פא א), אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן

---

אים מכבד זיין, ווייל השי"ת האט באשטראפט דעם דור צוליב דער זינד פון שאול וואס ער האט געהרגעט די גבעונים, אבער אויך זיך אנגענומען פאר שאול, אז מען האט אים נישט מספיד געווען כהלכה.

**ו.** די פסוק (שמואל-ב כא ב) זאגט קלאר אז די גבעונים זענען נישט געווען קיין אידן, און דער רמב"ם זאגט אויף דעם (הלכות תשובה פ"ב ה"י): **אָסוּר לָאָדָם לִהְיוֹת אַכְזָרִי וְלֹא יִתְפַּיֵּס** עס איז אסור פאר א מענטש צו זיין אן אכזר און זיך נישט לאזן איבערבעטן **אֶלָּא יְהֵא נוֹחַ לִרְצוֹת וְקָשֶׁה לִכְעֹס** נאר, א מענטש דארף זיך גרינג לאזן איבערבעטן, און זיך שווער לאזן אויפרעגן, **וּבְשָׁעָה שֶׁמְּבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ הַחוֹטֵא לִמְחֹל** און ווען איינער וואס האט געזינדיגט פאר אים בעט אים אז ער זאל אים מוחל זיין **מוֹחֵל בְּלֵב שָׁלֵם וּבְנֶפֶשׁ חֲפֵצָה** זאל ער יענעם מוחל זיין מיט די גאנצע הארץ און מיט א גוטע ווילן. **וַאֲפִלּוּ הֵצַר לוֹ וְחָטָא לוֹ הַרְבֵּה** און אפילו אויב יענער האט אים פארשאפט זייער פיל צער און ער האט זייער פיל געזינדיגט קעגן אים **לֹא יִקֹּם** זאל ער נישט נקמה נעמען **וְלֹא יִטֹּר** און ער זאל נישט אנהאלטן קיין פיינטשאפט. **וְזֶהוּ דַּרְכָּם שֶׁל זֶרַע יִשְׂרָאֵל** און דאס איז די וועג פון די אידישע קינדער **וְלִבָּם הַנָּכוֹן** וואס האבן א הארץ וואס טראכט ריכטיג. **אֲבָל הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים** אבער די גוים **עַרְלֵי לֵב** וואס האבן פארשטאפטע הערצער **אֵינָן כֵּן** זענען נישט אזוי **אֶלָּא וְעֶבְרָתָן שְׁמָרָה נֶצַח** נאר, זיי האלטן אן א כעס אויף אייביג. **וְכֵן הוּא אוֹמֵר עַל הַגִּבְעוֹנִים** און אזוי זאגט טאקע די פסוק אויף די גבעונים, **לְפִי שֶׁלֹּא מָחֲלוּ וְלֹא נִתְפַּיְּסוּ** וויבאלד זיי האבן נישט מוחל געווען און זיי האבן זיך נישט געלאזט איבערבעטן "**וְהַגִּבְעֹנִים לֹא מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה** – און די גבעונים זענען נישט פון די אידישע קינדער".

וְוִיבַּאלְד מְ'עֶן הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה". – נָאךְ אַ טַעַם שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (יומא ט ב): פַּארְוָואס אִיז דִּי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ [בַּיִת שֵׁנִי] חָרוּב גֶעוָוארְן, דִּי אִידְן הָאבְּן דָאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִּי תּוֹרָה, אִין דִּי צַייט פוּן דִּי צְווֵייטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? נָאר ס'אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ דִּי זִינְד פוּן שִׂנְאַת חִנָּם! אוּן דִּי גְּמָרָא זָאגְט דָארְט: **לְלַמֶּדְךָ** דָאס קוּמְט דִּיר אוֹיסְלֶערְנֶען **שֶׁשְּׁקוּלָה שִׂנְאַת חִנָּם** אַז דִּי עֲבֵרָה פוּן 'שִׂנְאַת חִנָּם' אִיז אֲזוֹי הַארְבּ **כְּנֶגֶד שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת** ווִי דִּי דְּרַיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵרוֹת: **ע"ז גִּלּוּי עֲרָיוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים**[ז]!

**קֶען** זַיין, בְּשֹׁרֶשׁ זֶענֶען בֵּיידֶע טְעָמִים דֶער זֶעלְבֶּע חֵטְא. 'שֶׁלֹּא בֵּרְכוּ בַּתּוֹרָה' שְׁטֵייט אוּן דִּי רִאשׁוֹנִים (עיי"ש רש"י בב"מ, ובר"ן נדרים) אַז דָאס מֵיינְט, כָאטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִּי תּוֹרָה, אָבֶּער ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג מַחְשִׁיב גֶעוֶוען דִּי תּוֹרָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעדַאנְקְט פַּאר הַשי"ת פַּארְן אוּנְז גֶעבְּן דִּי תּוֹרָה, דֶער זֶעלְבֶּער חֵטְא אִיז דָאךְ 'שִׂנְאַת חִנָּם' נִישְׁט מַחְשִׁיב זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נִבְרָא, אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז בֵּיידֶע זִינְד זֶענֶען בִּפְנִימִיּוּת אֵיינִיג, אוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל – חַד הוּא, דִּי תּוֹרָה מִיט דִּי אִידְן זֶענֶען צְווֵיי "אוֹצָרוֹת" פוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

## תַּלְמִידֵי רַבִּי עֲקִיבָא

**בִּפְרָט** יֶעצְט אִין דִּי סְפִירָה טֶעג, וָואס מִיר פִירְן זִיךְ אַבִּיסְל בָּאֲבֵלוּת, צוּלִיבּ דִּי פְּטִירָה פוּן דִּי תַּלְמִידֵי ר' עֲקִיבָא, וָואס זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, זֵייעֶרֶע גַאנְצֶע וֶועזְן אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען תּוֹרָה, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מַחְשִׁיב גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטֶער (יבמות סב:).

**וְאָהַבְתָּ** לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה! אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אוֹיף דִּי וֶועלְט אִיז, צוּ לִיבּ הָאבְּן אַ צְווֵייטֶע אִיד, חָלִילָה קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפּ קוּקְן אוּן דֶערְנִידֶערְן אַ צְווֵייטֶער, נָאר שֶׁעצְן אוּן מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע בְּרִיאָה פוּן הקב"ה, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט הֶערְשְׁן שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה בֵּיי אַלֶעמֶען, וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן אַלֶע עִנְיָנִים, אוּן וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּנֶעם בִּיטֶערְן לַאנְגְן גָלוּת.

**ווֶען** אִידְן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אוּן פַארְגִינֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, הָאט הַשי"ת אַזַא נַחַת רוּחַ. דֶער חיד"א (כסא דוד דרוש יג) זָאגְט אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז: צְווֵיי מָאל "אַהֲבָה" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם הֲוָיָ', אוּן עֶר טַייטְשְׁ מִיט דֶעם דִּי פָּסוּק, **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ** זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דַיין חָבֵר, אַזוֹי וֶועט זַיין **אֲנִי ה'** – עֶס וֶועט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִּי שֵׁם הֲוָיָ'.

**אִין** סֵפֶר הַחֲרֵדִים (ידיעת הבורא יתברך פרק ז) אִיז מַאֲרִיךְ, אַז דֶער עִיקָר סִבָּה פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ אִין גָלוּת, ווַייל עֶס

**ז.** א מורא'דיגע ווארט ברענגט דער ישמח משה (פרשת תולדות ד"ה ויוסיפו) פון דעם זוהר חדש (פר' וישב) אז דער חורבן בית שני איז געקומען באמת וועגן 'מכירת יוסף' ווייל די שנאת חינם האט אויף געוועקט די אלטע שנאת חינם פון די ברודער צו יוסף, און דאס האט געברענגט דעם חורבן.

אִיז פַארְהַאן אַ פֵּרוּד לְבָבוֹת אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל, **וְלָכֵן נִתְאָרֵךְ גָּלוּתֵנוּ עַל עֲוֹון מַחְלֹקֶת וְשִׂנְאַת חִנָּם שֶׁהוּא בֵּינֵינוּ, וְכוּ' וְאֵין לְךָ עֲבוֹדָה זָרָה גְּדוֹלָה מִזּוֹ,** אוּן דֶער חֲרֵדִים לֵייגְט צוּ: דִי נְשָׁמוֹת זֶענֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם גְלֵייךְ אוֹיבְן אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט שִׁבְעִים **נֶפֶשׁ**, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז דָא אוּנְטְן זֶענֶען אוֹיךְ אַלֶע נְשָׁמוֹת פַארְאֵיינִיגְט, וֶוען אוּנְז הַאלְטְן זִיךְ בְּאַחְדוּת דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶעמָאלְטְס קֶענֶען אוּנְז וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

## הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ

**מִיט** דֶעם, פַארְשְׁטֵייט מֶען דֶער שַׁיָּיכוּת פוּן דִי צְוֵויי מִצְוֹות 'לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ, הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ', ווייל נָאר וֶוען מֶען אִיז רִיכְטִיג מַחְשִׁיב אַ צְווייטְן אִיד, קֶען מֶען טַאקֶע זָאגְן מוּסָר פַאר יֶענֶעם, מוּסָר דַארְף קוּמֶען פוּן ווייטָאג פוּן יֶענֶעמְס מַצָּב, נָאךְ דֶעם וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס אַ יוּד מֵיינְט אַ קִינְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער.[ח]

**אַ** דֻּגְמָא פוּן אַ רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן תּוֹכֵחָה, קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען פוּן אַ

**ח.** דער בני ברק'ער רב רבי אריה מרדכי רבינוביץ [ביי אנדערע איז מקובל אז די מעשה איז געווען מיט רבי אריה מרדכי רבינוביץ אבי משפחת רבינוביץ פון ירושלים, א זיידע פון רבי בנימין רבינוביץ זצ"ל, און די מעשה האט דערציילט זיין ברודער רבי פישל רוזשינער דער ראש ישיבה], ער איז געווען א אייניקל פון יהודי הק', האט ער דערציילט, אז פאר ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל איז ער געפארן קיין טריסק צום טריסקער מגיד זי"ע זיך געזעגענען, ער איז אריין אין שוהל און געזעהן ווי צוויי אידן שטייען ביים באלעמער און זיי וויינען, און דער גאנצער עולם הערט זיך צו צו זייערע געשריי, האט ער געפרעגט "וואס גייט דא פאר?", האט מען אים פארציילט, אז די צוויי אידן זענען צוויי גרויסע נגידים, און זיי זענען געפארן אויפן וועג, און זיי האבן געהאט ביי זיך אסאך געלט איינגעוויקלט אין א בייטל, אויפן וועג זעהן זיי א איד אן ארימאן שלעפט זיך אויפן וועג, האבן זיי אים ארויף גערופען אויף זייער וואגען.

אינמיטען וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע און טועם געווען עפעס, און געענטכטיגט דארטן, אינמיטן נאכט איז צוגעגאנגען איינער פון די נגידים צו זיין בייטעל צו זעהן אויב די געלט איז דא, און ער זעט אז ס'פעלט אים צוויי הונדערט רובל, און מיט זיי אין צימער איז געווען נאר דער איד וואס זיי האבן אים מיטגענומען, האבן זיי אים געבעטען אז ער זאל שוין צוריק געבן די צוויי הונדערט רובל, אבער דער איד האט געלייקנט שטיין און ביין, ער ווייסט נישט וואס זיי ווילן פון אים, עס האט זיך געטון א טומל אלע אנדערע מענטשען וואס האבן געהאלטן אינמיטן שלאפן אין די קרעטשמער האבן זיך אויפגעוועקט, עס איז געווארן אן איבערקערעניש.

דער בעל הבית פונעם קרעטשמער איז געקומען צו גיין, און ער האט פארציילט אז דער איד וואס זיי האבן מיט גענומען, איז געקומען בעטן א רויטע בענדל. זענען די צוויי נגידים צוגעגאנגען צו זיין רענצל, און יא זיי האבן געכאפט דער גנב! זיי האבן ארויס גענומען א פעקל, יא טאקע א רויטע בענדל מיט צוויי הונדערט רובל. און זיי האבן אים זיכער געמאכט

גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בֵּיים חָפֵץ חַיִּים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט וִוילְנָא, כְּדֵי צוּ פַּארְקוֹיפְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים. זִיצְנְדִיג אִין הָאטֶעל הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי אַ אִיד מִיט אַ גָאר מְגוּשֶׁם'דִיגֶע אוֹיסְקוּק קוּמְט אַרֵיין אוּן בַּאשְׁטֶעלְט פַּאר זִיךְ אַ פָּארְצִיֶע עֶסְן, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעגֶעסְן מִיט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע מְגוּשֶׁם'דִיגְקַייט, עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן צוּ דִי בְּרוֹיט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קֵיין בְּרָכָה וְכוּ'. דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶעוָאלְט צוּגֵיין צוּ יֶענֶעם כְּדֵי אִים צוּ זָאגְן מוּסָר. וֶוען דֶער בעה"ב פוּן דִי הָאטֶעל הָאט גֶעזֶעהן וִוי דֶער חָפֵץ חַיִּים וִויל יֶענֶעם גֶעבְן מוּסָר, הָאט עֶר אִים פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּרֶעדְן דֶערְפוּן, זָאגְנְדִיג אַז עֶר אִיז אַ מִיטגֶעמַאכְטֶע מֶענְטְשׁ, דֶער אִיד אִיז נֶעבֶעך אַ 'קַאנְטָאנִיסְט'[ט].

**וֶוען** דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זֵיין פָּנִים אוֹיפְגֶעלָאכְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ דֶער אִיד: אִיז דָאס רִיכְטִיג, אַז וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען זִיבְּן יָאר אַלְט הָאט מֶען דִיר אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מֶען הָאט דִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אַ גוֹי'אִישֶׁע מִשְׁפָּחָה, כְּדֵי זֵיי זָאלְן דִיר עֶרְצִיעֶן צוּ אַ גוֹי'אִישֶׁע לֶעבְּנְס שְׁטֵייגֶער? דֶער 'קַאנְטָאנִיסְט' הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט. אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בֵּיי זֵיי בִּיז דִי אַכְצְן יָאר? אוֹיךְ צוּ דֶעם הָאט דֶער

אז ווערט מער קיינמאל נישט רויבן דורך דעם וואס זיי האבן אים דערלאנגט אסאך קלעפ, און זיי זענען ווייטער געפארן.

ווען נאר זיי זענען ארויס פונעם קרעטשמער האבן זיי באקומען א טעלעגראם פון שטוב, אז איינער פון די ווייבער פון די נגידים האבן וויכטיג געדארפט צוויי הונדערט רובל, און זי האט עס גענומען, און זי האט פארגעסן צו מעלדן וועגן דעם.

האבן זיי געזעהן אז זיי האבן חושד געווען אומזיסט, און די געלט וואס יענער איד האט געהאט, איז געווען זיין אייגענע געלט, זענען זיי גלייך צוריק געגאנגען אין קרעטשמע אים צו אפגעבן די געלט און אים איבער בעטן, אבער צו זייער מזל איז עס שוין געווען צו שפעט, כי לקח אותו אלקים, פון עגמת נפש און פון די קלעפ האט ער צוריק געגעבן זיין נשמה.

מיט גרויס וויטאג זענען זיי געקומען צום הייליגן טריסקער מגיד זי"ע בעטן א עצה און א תיקון, האט ער זיי באפוילן צו אויסהאלטן די אלמנה מיט די יתומים, און חתונה מאכן זייערע קינדער, געגוי אזוי ווי זיי וואלטן חתונה געמאכט זייערע אייגענע קינדער, און אזוי אויך זאלן זיי ארויף גיין אויף די בלעמער, און דערציילן די גאנצע געשיכטע כדי מ'זאל זיך לערנען ווי ווייט מ'דארף דן זיין לכף זכות!

**ט.** אידישע קינדער וואס זענען פארכאפט געווארן דורך דער רוסישער צאר, אויף צו דינען אין די רוסישע ארמיי. די קינדער זענען פארכאפט געווארן אין זייער א יונגען עלטער, און מען האט זיי באפרייט פון די מיליטער ווען זיי זענען שוין געווען מיטעלעריגע מענטשן. פיל פון זיי האבן דאס נעבעך נישט איבערגעלעבט, און רוב האבן נישט זוכה געווען זיך אומצוקערן צו זייערע משפחות ה"י.

'קַאנְטָאנִיסְט' צוּגֶעשְׁטִימְט. אוּן דֶערְנָאךְ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אִין דִי צַארִישֶׁע מִילִיטֶער בִּיז דִי צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג יָאר? יָא! אוּן דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן אַ אִיד, דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶע'שְׁמַדְ'ט, אוּן דוּ קוּמְסְט עֶסְן אִין אַ כָּשֶׁרֶ'ע רֶעסְטָארַאנְט כָאטְשׁ דִי פְּרֵייז אִיז טַייעֶרֶער ווִי בַּיי דִי טְרֵיפָה'נֶע גֶעשֶׁעפְטְן! אוֹיבּ אֲזוֹי בִּיסְטוּ דָאךְ אַ גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל! אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ זִיצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אוּן דִי תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים! אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אָנְהַאלְטְן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נָאךְ מֶער דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִידִישְׁקַייט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אִין דֵיין שְׂכַר וֶועט דָאך זַיין זֵייעֶר גְרוֹיס עַד אֵין לְשַׁעֵר!

**דֶער** אִיד הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֵויינֶען פוּן אִיבֶּערַאשׁוּנְג אוֹיף דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער נָאכְדֶעם וואס עֶר הָאט בְּמֶשֶׁךְ דְרַיי אִין דְרַייסִיג יָאר נִישְׁט גֶעהֶערְט קֵיין גוּט וָוארְט! אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְקַשֵּׁר גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּ אִידִישְׁקַייט בִּשְׁלֵמוּת, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אֲזוֹי ווִי דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט!

## לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר

**מִיט** דֶער גֶעדַאנְק פוּן מַחֲשִׁיב זַיין יֶעדֶע בְּרִיאָה אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְשְׁטֵייט מֶען אוֹיךְ דָאס וָואס שְׁטֵייט ווַייטֶער אִין פָּסוּק דֶער אִיסוּר פוּן "לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר" אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ: אָמַר רַבִּי תַּנְחוּמָא אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפְּט, אִיךְ ווִיל אִים צוּרִיק גֶעבְּן אַ לִמּוּד, עֶר זָאל ווִיסְן מִיט מִיךְ הֵייבְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָן, זָאלְסְטוּ ווִיסְן – זָאגְט דִי מִדְרָשׁ – **אִם עָשִׂיתָ כֵּן, דַּע לִפְנֵי מִי אַתָּה מְבַזֶּה**, אוֹיבּ דוּ נֶעמְסְט נְקָמָה, זֵיי גֶעוָוארְנְט, אַז דוּ נֶעמְסְט חָלִילָה נְקָמָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, ווַיבַּאלְד יֶעדֶע אִיד הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס דוּ נֶעמְסְט נְקָמָה, בִּיסְטוּ נִישְׁט מַחְשִׁיב אִין אַ בְּרִיאָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָאס הֵייסְט גֶעטְשֶׁעפְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער.'

**וֶוען** מֶען אִיז מַחְשִׁיב אוּן מֶען פַארְגִינְט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם טַעֲנָה אוֹיף יֶענֶעם. דֶער חוֹבַת הַלְּבָבוֹת אִיז מַסְבִּיר דֶער עִנְיָן פוּן 'נְקָמָה' מִיט אַ בֵּיישְׁפִּיל, צוּ אֵיינֶער וָואס גֵייט אוֹיפְן גַּאס, אוּן אִינְמִיטְן שְׁפַּאצִירְן גֶעמִיטְלֶעךְ, פַאלְט עֶר אַרָאפּ אוֹיף דִי עֶרְד, גֵייט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם טַעֲנָה אוֹיף זַיין פוּס,

**י.** די גמרא (יומא כג.) זאגט **כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו תלמיד חכם** יעדער תלמיד חכם וואס נעמט זיך נישט אן אויף זיין כבוד התורה, און ער נעמט נישט נקמה ווי א "שלאנג", דאן איז ער נישט קיין תלמיד חכם. מו"ר הגה"צ רב קאפעלמאן זצ"ל האט אמאל מסביר געווען די גמרא, פארוואס די גמרא זאגט דוקא א שלאנג? וואו קומט דא אריין א שלאנג?. נאר דער פשט דערפון איז, אזוי ווי א שלאנג שפירט נישט קיין טעם אין זיין עסן, אויף אזא אופן דארף די תלמיד חכם נוקם זיין, ער טאר נישט שפירן קיין שום געשמאקע טעם און דעם וואס ער נעמט נקמה...

"פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַרָאפּ גֶעפַאלְן? פוּס לֶעבְּן פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט גֵיין גְרָאד?" פַארְוָואס טַאקֶע נִישְׁט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ לֶעבְּן מִיט דֶער גֶעדַאנְק, אַז אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אוֹיבְן לְטוֹבָה, קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן טְעָנוֹת אוֹיף קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אֲפִלּוּ דוּ טְרַאכְסְט רִיכְטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעטוּן אַ טוֹבָה, פַארְוָואס קֶען עֶר מִיךְ נִישְׁט צוּרִיק טוּן כָאטְשִׁיג אַ קְלֵיינִיקֵייט?, אָבֶּער אַזוֹי וִוי קֵיין שׁוּם נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ גֵייט נִישְׁט הָאבְּן טְעָנוֹת אוֹיף זַיין פוּס אוֹיבּ עֶר פַאלְט, אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן שְׁלֶעכְט.[יא]

**יא.** א תימ'נע משפיע אין בני ברק – הרב חיים זאיד דערציילט, אז ער האט אמאל באקומען אין זיין פאסט קעסטל א חתונה קארטל, וואס וואלט געזאלט פארקומען אין די זאַל פון 'כתר הרימון' אין בני ברק, ער האט זיך טועה געווען און ער איז געגאנגען צו די חתונה זאַל 'וגשל'. זיין שטייגער איז אז ער גיבט פאר יעדע חתן כלה וואס ער גייט צו זייערע חתונה א דרשה-געשאנק.

און די זאל פון וגשל – וואו ער איז אנגעקומען, איז געווען א פארשפארטע קעסטל [סעי"ף] ווי אלע וואס ברענגען מתנות קענען דאס אריין לייגן אין דעם פארזיכערטען קעסטל, און נאך די חתונה נעמען דאס די חתן כלה אהיים.

הרב זאיד האט ארויס גענומען 500 ש"ח, און דאס אריין געלייגט אינעם קעסטל, אבער ווי נאר ער שפאצירט אריין צום זאל באגעגנט ער זיך מיט אן אנדערע חתונה וואו ער האט געזאלט גיין, די חתן און די מחותנים קומען אים אנטקעגן און זיי זענען אים שיין מכבד, און זיי באדאנקען זיך זייער שטארק אויף דעם וואס ער האט גענומען דער טירחא און געקומען צו די חתונה.

ער האט געטראכט צו זיך אז מארגן וועט ער שוין גיין צוריק בעטן די געלט וואס ער האט אריין געלייגט, ווייל עס איז געווען א טעות, ער האט באמת געוואלט גיין צו אן אנדערע חתונה, אבער די קומענדיגע טאג האט די חתן אים אנגערופן און זיך באדאנקט פאר די שיינע סכום געלט וואס ער האט אים איבער געלאזט ביי די חתונה. יעצט האט הרב זאיד געטראכט, האט שוין נישט קיין פשט צו צוריק בעטן די געלט.

הרב זאיד פארציילט ווייטער אז דער טאטע פון דער חתן, איז געווען זייער באליידיגט אויף א געוויסע מענטש וואס איז נישט געקומען צו די חתונה, ער האט געהאט א חבר וואס ער פלעגט אייביג גיין צו זיינע שמחות, און ווען ער האט חתונה געמאכט איז ער נישט געקומען, ער האט דאס ממש נישט געקענט פארשטיין, און זינט דער חתונה איז אריבער האט ער אויפגעהערט צו רעדן און גריסן יענער מענטש. זיין חבר וואס איז נישט געקומען צו דער חתונה, האט נישט פארשטאנען פארוואס ער גרוסט אים נישט מער, אבער ווען יענער מחותן האט מער נישט געוואלט רעדן מיט אים, האט ער זיך געלזאט אזוי פירן, און צוביסלכווייז האט זיך דער גאנצע ידידות'שאפט צובלאזן, ביז זיי זענען פשוט געווארן שונאים.

איין טאג רופט דער מחותן אן הרב זאיד, און ער רעדט זיך אויס צו אים ווי ביטער ער שפירט

**מַחְשִׁיב זַיין דִי אֵייגֶענֶע תּוֹרָה וּמִצְוֹת**

**אִין** דֶער כְּלָל פוּן מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אוֹיךְ אַרֵיין גֶערֶעכְנְט, צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט מַחְשִׁיב זַיין, דָאס הֵייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען הָאט ב"ה אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ יֶעדְן טָאג, נָאר יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ פְרֶעגְן: וִויפִיל בִּין אִיךְ מַחְשִׁיב דִי צַייט וָואס אִיךְ לֶערְן?! וִויפִיל זֶענֶען אוּנְז מַחְשִׁיב אוּנְזֶער דַאוְוענֶען.

**וֶוען** אַ מֶענטְשׁ אִיז נִישְׁט מַחֲשִׁיב אִין זַיין אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂים, בְּרֶענגְט דָאס אַז עֶר זָאל פַארלִירְן זַיין חֵשֶׁק צוּ וַוייטֶער אָנגֵיין מִיט דֶעם. אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַ גַאנצֶע צַייט, וָואס אִיז וֶוערד מַיין לֶערְנֶען? וֶועמֶען בְּלָאף אִיךְ דָא אוֹיס? אִיךְ לֶערְן דָאךְ קוֹים עֶטלִיכֶע שָׁעָה אַ וָואךְ? וֶועט עֶר צוּקוּמֶען אַז דָאס וָואס עֶר לֶערְנְט יָא, וֶועט עֶר אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן, וַוייל צוּבִּיסלְכְוֵוייז וֶועט אַרֵיין גֵיין בַּיי אִים אִין קָאפּ אַזַא סָארְט מַחֲשָׁבָה, אַז מַיין לֶערְנֶען אִיז גָארנִישְׁט וֶוערְד, אוּן עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ זָאל זִיצְן אוּן לֶערְנֶען..."[יב]

**דֶער** אוֹרַח לַחַיִּים זי"ע בְּרֶענְגְט אִין פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ: **אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז זַיין תְּפִלָּה הָאט אַ כֹּחַ, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר**

---

זיך, אז ער איז געווארן צוקריגט מיט זיין חבר, און ער בעט הרב זאיד זאל אים העלפן שלום מאכן מיט זיין ידיד. הרב זאיד האט אנגערופן דער מחותן'ס פריינד, און ער האט געשומעסט מיט אים וועגן דער וויכטיגקייט פון שלום, עס האט זיך אויסגעהערט פון יענעם אז ער ווייסט בכלל נישט פארוואס זיין חבר האט אויפגעהערט צו רעדן מיט אים, ער ווייסט נישט וואס ער וויל ער איז גארנישט אנגעווייטאגט אויף אים, אדרבה ער וויל זווייטער לעבן מיט יענעם בשלום, אבער וויל נישט. האט רב זאיד אים געזאגט, "וואס הייסט? ער איז זייער בייז אז דו ביסט נישט געקומען צו זיין קינד'ס חתונה", האט ער געענטפערט "גלייב מיך איך האב זייער שטארק געוואלט קומען, אבער איך בין קיינמאל נישט געווארן איינגעלאדענט", אזוי איז ווייטער פארגעקומען געשפרעכן צווישן די צוויי חברים, ביז עס האט זיך אויסגעשטעלט אז די גאנצע מחלוקת האט פאסירט פון קליינע נישטיגע טעותים, און נישט כאפנדיג האט דער מחותן עובר געווען אויף א לאו אין די תורה פון לא תקום.

הרב זאיד פארציילט ווייטער ווי אזוי זיי האבןביידע געהאט עלטערע קינדער אין שטוב וואס האבן געווארט צו געהאלפן ווערן מיט שידוכים, און גלייך נאכן זיך איבער בעטן זענען זיי געהאלפן געווארן. אבער מיר דארפן ארויס נעמען פון דער געשיכטע א וויכטיגע לימוד, נישט צו נקמה נעמען איינער אין דער אנדערע, אפילו עס זעהט אויס אז מ'האט אלע תירוצים אין די וועלט צו יענעם פיינט האבן, אבער די תורה לאזט נישט נקמה נעמען!...

**יב.** אוודאי געוויס דארף א מענטש כסדר פאדערן פון זיך, אז איך לערן נישט גענוג, און איך דארף צולייגן נאך צייט צו לערנען תורה, אבער עס דארף זיין מיט א חשבון פון חרטה, און מיט א פלאן אויף ווייטער. דער צוגאנג דארף זיין מיט א חשק, די תורה איז אזוי געשמאק פארוואס זאל איך נישט צולייגן נאך אביסל צייט צו לערנען תורה ענדערש ווי פארברענגען מיט אנדערע ענינים...

**מֵיינְט אֱזוֹי צוּלִיבּ זַיין גְרוֹיסֶע עֲנָוָה, הָאט זַיין תְּפִלָּה טַאקֶע נִישְׁט קֵיין כֹּחַ רח"ל.**

**א** מַעֲשֶׂה נוֹרָא בְּרֶענְגְט דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה - ווִי ווֵייט צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן טַייעֶר און מַחְשִׁיב גֶעוֶועןְ אַ מִצְוָה - (סי' צ' ס"ק כ"ט): דֶער גָּאוֹן רַבִּי זַלְמָן מִירְלִ'ש זי"ע דֶער רָב פון הַאמְבּוּרְג, - דֶער שְׁוֶוער פון דֶער חָכָם צְבִי - אִיז אֵיין טָאג גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִּית און תְּפִלִּין. און אַ מֶענְטְשׁ ווָאס הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט טַייעֶרֶע דֵיימַאנְטְן, הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם גָּאוֹן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּבּ כְּדֵי צוּ קוֹיפְן פון דִי דֵיימַאנְטְן, דֶער רָב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר זָאל ווַארְטְן בִּיז עֶר ווֶעט אַהֵיימְקוּמֶען פון ביהמ"ד, ווֵייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווָאלְט פַארְפַאסְן תְּפִלָּה בְּצִבּוּר. און בִּיז דֶערְוֵוייל הָאט אַ צְווֵייטֶער אוֹיסְגֶעקוֹיפְט דִי דֵיימַאנְטְן, און יֶענֶער קוֹנֶה הָאט פַארְדִינְט אַ הוֹן תּוֹעָפוֹת. און ווֶען דֶער גָּאוֹן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפְרֵייט, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעווֶעןְ אִיבֶּער צוּ לָאזְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט כְּדֵי צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

### דִי חֲשִׁיבוּת אֲפִילוּ פון אַ דוֹמֵם

**אוֹיסֶער** דֶער חֲשִׁיבוּת פון אַ מֶענְטְשׁ אִיז יֶעדֶע בְּרִיאָה בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן פַאר אַ סִבָּה און מֶען דַארְף מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶער זַאךְ, אֲפִלּוּ אִין אַ דוֹמֵם טָאר מֶען נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דָּוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל-א כד), אַז אִין דִי צֵייט ווָאס דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז אַנְטְלָאפְן פון שָׁאוּל, אִיז אַיינְמָאל דָּוִד אַרַיינְגֶעלָאפְן טִיף אִין אַ הֵייל צוּזַאמֶען מִיט פִינֶעף הוּנְדֶערְט פון זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. און שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אִיז בְּטָעוּת אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי מְעָרָה, און עֶר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן טִיפֶער אִין דִי הֵייל.

**דִי** מֶענְטְשְׁן ווָאס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ בֶּעטְן אַז עֶר זָאל הַרְגְ'נֶען שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, אָדֶער זָאל עֶר צוּלָאזְן אַז זֵיי זָאלְן אִים טוֹיטְן, ווֵייל שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט דִי דִּין פון אַ רוֹדֵף ווֵייל עֶר הָאט גֶעוָאלְט הַרְגְ'נֶען דָּוִד. און דִי הֲלָכָה אִיז דָאךְ 'הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ'.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן פַאר דָּוִד, אָבֶּער עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי נִסָּיוֹן, און עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן צוּרִירְן צוּ שָׁאוּל, זָאגֶענְדִיג אַז שָׁאוּל אִיז אַ 'מְשִׁיחַ ה'' [אַ גֶעזַאלְבְּטֶער פון השי"ת]. דָּוִד הָאט אָבֶּער אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי עֶק פון שָׁאוּלְ'ס מַאנְטְל.[יג]

**פִּילֶע** יָארְן שְׁפֶּעטֶער ווֶען דָּוִד הַמֶּלֶךְ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט, שְׁטֵייט (מלכים-א א) אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְרַאנְקֵייט, אַז עֶס

**יג.** דער המשך פון די מעשה איז, אז נאך וואס שאול איז ארויס פון די מערה איז דוד אויך ארויסגעגאנגען, און ער אויסגערופן צו שאול: אבי – טאטע! און שאול האט זיך צוריק געדרייט צו זען ווער עס רופט אים, און דוד האט זיך געבוקט און געזאגט צו שאול: פארוואס זאלסטו צוהערן צו די מענטשן וואס זאגן אז איך וויל דיר שלעכטס טון? איך האב דיך יעצט געקענט הרג'נען און איך האב דיר נישט גע'הרג'עט ווייל דו ביסט געזאלבט פון השי"ת. זעה

אִיז אִים גֶעוֶוען קַאלְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, און עֶס הָאט אִים נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קֵיין קְלֵיידֶער און דָאכֶענֶעס אִים צוּ דֶערְוַוארֶעמֶען. רש"י הַקָּדוֹשׁ (שם) בְּרֶענְגְט אַז חז"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סב ב) אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַלְס א שְׁטְרָאף אויף דֶעם וָואס עֶר הָאט מְזַלְזֵל גֶעוֶוען אִין דִי בֶּגֶד פוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי עֶק דֶערְפוּן, הָאט מֶען אִים בַּאשְׁטְרָאפְט אַז דִי קְלֵיידֶער זָאלְן אִים נִישְׁט אָנְוַוארֶעמֶען.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם וִוי וֵוייט מְ'דַארְף מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי בְּרִיאָה, - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ לוֹיט זַיין מַדְרֵגָה אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ פְּגַם, אֲזוֹי וִוי דֶער וֶועג אִיז מִיט צַדִּיקִים – **מְ'דַארְף מַאכְן אַ קַל וָחֹמֶר, אוֹיבּ דַארְף מֶען מַחְשִׁיב זַיין אַ עֶק פוּן אַ פָּשׁוּטֶ'ע בֶּגֶד, אִיז אַוַודאי דַארְפְן מִיר מַחְשִׁיב דִי תּוֹרָה און מִצְווֹת, און אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "בָּנִים אַתֶּם לַה'** (דברים יד).

# הֲלָכוֹת אויף לֹא תִשְׂנָא און הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ

**דִי אִסוּר פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" און דֶער מִצְוָה פוּן "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", אִיז אֵיינֶע פוּן דִי זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקַאנְטֶע הֲלָכוֹת, לַיידֶער כַּאפְּט מֶען נִישְׁט אַז אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אויף אֵיינֶעם בְּמַחְשָׁבָה, אָדֶער מֶען קוּקְט אַרָאפּ אויף יֶענֶעם, צִי אֵיינֶער הָאט אַ שְׁטִיקְל שִׂנְאָה אַנְטְקֶעגְן אַ אִיד, אִיז מֶען עוֹבֵר אויף אַ לָאו, און אוֹיבּ סְ'רֶעדְט זִיךְ וֶועגְן אַ גַאנְצֶע צִבּוּר קֶען מֶען עוֹבֵר זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אויף לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ און אויף לֹא תִקֹּם, לֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא, וכו', צוּלִיבּ דֶעם הָאבְּן מִיר צַאמְגֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע הֲלָכוֹת, כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן צוּ זַיין גֶעוָוארְנְט, און נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוּמְווִיסְנְדִיג אויף אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע אִסוּרִים.**

---

נאר 'טאטע' די עק פון דיין מאנטל איז אין מיינע הענט, איך האב דיר געקענט הרג'נען און איך האב דיר נישט גע'הרג'עט ווייל איך וויל דיר נישט שלעכטס טוען! ווען דוד האט געענדיגט רעדן, האט שאול געפרעגט: איז דאס דיין קול מיין 'זון' דוד? און שאול המלך האט זיך צו וויינט אויפן קול. [שפעטער האט דער יצר הרע גובר געווען, און אבנר האט איבערגערעדט שאול, אז ער זאל זיך נישט לאזן איבערבעטן מיט דוד].

## לֹא תִשְׂנָא

**דֶער** עִיקָר אִסוּר פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ" אִיז: **הַאלְטְן דִי שִׂנְאָה אִין הַארְץ** וֶוען פוּן אִינְדְרוֹיסְן וֵוייזְטוּ אִים נִישְׁט אַרוֹיס אַז דוּ הָאסְט אִים פַיינְט, דוּ גְרִיסְט אִים וֵוייטֶער... אָבֶער דוּ טְרָאגְסְט אַ שִׂנְאָה בְּלֵב.[יד]

**דֶער** שִׁעוּר שִׂנְאָה פוּן וֶוען מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף לֹא תִשְׂנָא, אִיז אוֹיבּ דוּ הָאסְט פֵיינְט

---

**יד.** גמרא (ערכין דף טז:) ת"ל בלבבך שנאה שבלב הכתוב מדבר. דער רמב"ם (אין ספר המצוות). ברענגט דער לשון הספרא "לא אמרתי אלא שנאה שהיא בלב". און דער רמב"ם זאגט, אז ווען מ'זאגט יענעם די טענה, "הוא עובר על לא תקום ולא תטור ועובר על עשה גם כן, והוא אמרו ואהבת לרעך כמוך, **אבל שנאת הלב הוא חטא חזק יותר מן הכל**", ער איז אויך עובר אויף לא תקום מיט לא תטור, און אויף ואהבת לרעך כמוך, **אבער לא תשנא את אחיך בלבבך איז דער הארבסטער לאו, מער ווי דורך דעם ווייזן די שנאה.** און אזוי שרייבט דער רמב"ם אין הלכות דעות (פרק ו הלכה ה) כָּל הַשּׂוֹנֵא אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּלִבּוֹ עוֹבֵר בְּלֹא תַּעֲשֶׂה שֶׁנֶּאֱמַר (ויקרא יט יז) "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ".

אזוי ווי ס'איז געווען ביי די ברידער פון יוסף "ולא יכלו דברו לשלום", (בראשית לז, ד), דאס שטייט נישט אלס א חסרון חלילה, נאר אלס א מעלה, אז מ'האט א טענה דארף מען גיין יענעם זאגן, זאלסט וויסן אז איך האב אויף דיר א טענה, ווייל דו האסט מיר בא'עוולה'ט, כך וכך היה המעשה, און דעמאלטס וועט יענער פראבירן זיך צו פארענטפערן אדער פראבירן דיר צו מפיס זיין, און דעם פאל איז מען נישט עובר אויף 'לא תשנא'.

אזוי ווי די מעשה פון אמנון מיט אבשלום (זעה שמואל ב קאפיטל יג), וואלט אבשלום געגאנגען צו אמנון און אים געזאגט: היתכן, דו האסט געטון אזא גרויסער איסור, דו האסט געטשעפעט תמר, און אמנון וואלט אים טאקע געזאגט, איך האב געטוהן א גרויסער פעלער, דער יצר הרע האט מיר געכאפט, אדרבא, העלף מיר תשובה טון, און צוזאמען וואלטן זיי זיך געלערנט תשובה צו טוהן, וואלטן דריי מענטשען נישט געהרג'עט געווארן, אזוי איז אמנון גע'הרג'עט געווארן, אבשלום האט גע'הרג'עט אמנון וועגן זיין שוועסטער תמר, אבשלום אליין'ס איז גע'הרג'עט געווארן, און יואב איז גע'הרג'עט געווארן, דריי מענטשען זענען געשטארבן צוליב שנאה.

עס זענען דא וואס זאגן **אז ווען איינער טוהט א מעשה וועגן זיין שנאה צו יענעם, איז ער יא עובר אויף 'לא תשנא'**, ווי ס'שטייט אז ווען איינער גרוסט נישט יענעם וועגן שנאה דריי טעג איז עובר אויף 'לא תשנא', - נאר ווען ער ווייזט אים א שלעכטע פנים אז ער איז ברוגז אויף אים, אבער אויב ער ווייזט נישט גארנישט, און ער טוט נישט א פעולה וואס ס'ברענגט ארויס דער שנאה וואס ער האט אויף זיין חבר, דאן איז ער נישט עובר. [זעה אין קהילות יעקב פון סטייפלער (שבועות סימן ט"ו ט"ז) אן אריכות אין דעם].

אֵיינֶעם אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶס גֵייט פַארְבֵּיי דְרֵיי טָאג אָן דֶעם וָואס דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִים.[טו]

**אָבֶּער** אוֹיבּ זֶעהְט מֶען אַ דְבַר עֲבֵרָה בֵּיי זֵיין חָבֵר, מֶעג מֶען אִים פַּיינְט הָאבְּן[טז], אָבֶּער מִיט עֶטְלִיכֶע תְּנָאִים:

**א.** קוֹדֶם גֵיי זָאגְן מוּסָר נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי הָאסְט אִים גֶעזָאגְט מוּסָר[יז] אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מְקַבֵּל גֶעוֶוען, מֶעגְסְטוּ אֶים פַּיינְט הָאבְּן[יח].

---

**טו.** ספר חרדים (מצות ל"ת התלוית בלב, אות יט), ועיין באמרי יושר (שו"ת ח"ב סימן קסה), דאס איז דער זעלבע שיעור וואס מיר טרעפן אין גמרא (סנהדרין כז:) לגבי א שונא וואס איז פסול לעדות, אז אויב נאך דריי טעג גרוסט מען נישט זיין חבר, האט מען א דין ווי א שונא.

דער אור החיים הק' שרייבט אז פון ווען מען האט א שנאה אויף א מענטש איז מען שוין גלייך עובר, [לאפוקי השיטות של ג' ימים] וויבאלד עס שטייט "אחיך", און פון ווען דו האסט אים נישט ליב אלס א "ברודער" ביסטו שוין גלייך עובר אויף לא תשנא.

בדרך אגב, הגה"צ רבי חיים הלברשטאם זצ"ל דיין אין שטאט סאטמאר, און אן אייניקל פון דער דברי חיים זי"ע פלעגט זאגן: אז ער האט מקובל פון צדיקי אמת, אויב מען לערנט דער פירוש פונעם היילגער אור החיים אום פרשת אחרי און קדושים, וועט מען נישט שטארבן אן קיין תשובה.

**טז.** פסחים (קיג:). די גמרא ברענגט דארט אז **'טוביה חטא וזיגוד מנגיד'**, זיגוד האט געזעהן ווי טוביה האט עובר געווען אן עברה, איז ער געקומען זאגן אין בית דין, האט רב פפא געזאגט, קום זיגוד מ'דארף דיר געבן מלקות, ווייל מ'טאהר נישט זאגן עדות איינער אליין, ווי ס'שטייט לא יקום עד אחד באיש (דברים יט טו), און דו האסט יא געזאגט עדות אליין ביסטו סתם א מוציא שם רע. טראצדעם וואס דו האסט געזעהן ווי טוביה זינדיגט, אבער פארט על פי תורה האסטו א דין פון א מוציא שם רע, און ווייל דו ביסט א מוציא שם רע, וועט מען דיר געבן מלקות, האט זיגוד געזאגט, "טוביה חטא וזיגוד מנגיד"... דער גמרא זאגט דארט ווייטער **אמר רבי שמואל בר רב יצחק אמר רב**: אפילו מען מעג נישט זאגן עדות אליין, אבער **מותר לשנאתו** מען מעג אים פיינט האבן ווייל ער האט קלאר געזעהן ווי יענער איז עובר אן עיברה. רב נחמן בר יצחק לייגט צו נאכמער, נישט נאר אז דו מעגסט פיינט האבן איינער וואס טוט אן עבירה, נאר **מצוה לשנאתו**, שנאמר (משלי ח יג) "יראת ה', שנאת רע".

**יז.** א איד איז אמאהל אריבער אין א קליין געסל אין 'וועסט סייד' און ער זעהט ווי א איד זיצט אין א טריפה'נעם האטעל, און ער עסט רח"ל טריפה. ס'איז אים שווארץ געווארן פאר די אויגן, האט ער מחליט געווען צו צוגיין צו דער איד און אים פארהאלטן פארוואס ער עסט טריפות? האט ער אים געענטפערט, "איך האב געגעסן דארט מיט מיין באנקיער, אבער

**ב. אויף אַ עֲבֵרָה וָואס אִיז נִישְׁט חָמוּר אִין מֶענְטְשְׁנְס אוֹיגְן - לָשׁוֹן הָרָע וְכַדּוֹמֶה - אִיז נִישְׁט דָא דֶער הֶיתֵּר פוּן פֵיינְט הָאבְּן, אֵיינֶער וָואס אִיז עוֹבֵר דֶערוֹיף**[יט].

---

איך האב געגעסן כשר'ס, דאס וואס דו האסט מיר געזעהן עסן איז געווען א כשר", און ער האט אים געוויזן אז מען קען דא אויך קויפן כשר'ע עסנווארג..... מער איבער די הלכות פון זאגן מוסר, זעה ווייטער "הלכות הוכחה".

**יח.** ווי ס'שטייט אין ספר יראים, (ביי די מצוה פון 'לא תשנא') און מלערנט דאס ארויס פון דעם וואס די תורה האט געשטעלט די צוויי פסוקים איינעם נעבן דעם צווייטן (יט, יד), "לא תשנא את אחיך בלבבך, הוכח תוכיח את עמיתך", -זאגט דער יראים-, אז אויב האסטו א טענה קעגן איינעם, האסטו געזעהן א דבר ערוה, גיי צו צו אים און זאג אים מוסר, ממה נפשך, וועט יענער זיך פארענטפערן און מסביר זיין אז ס'איז א טעות ער האט גארנישט געטון קיין איסור, וועסטו זעהן אז דו האסט סתם חושד געווען און ס'איז נישט געווען א דבר אסור, אדער וועט ער זאגן אז ער דורכגעפאלן, ער האט געהאט א שוואכע מינוט און ער האט געגעסן נישט כשר, וועסטו אים זאגן מוסר, און נאר דעמאלטס ווען ער וועט זיך נישט פארענטפערן, און נישט מקבל זיין מוסר, האסטו א רעכט אים צו פיינט האבן, און נישט נאר א רעכט, נאר ס'איז דא א מצוה לשנאתו.

און אזוי וועט גע'פסק'נט אין שו"ע חו"מ סימן ער"ב (סעיף יא), און אין רמב"ם (פרק ו הלכות דעות ה"ה, און אין רמב"ם סוף הלכות רוצח).

ס'באוואוסט וואס דער חזון איש (אנפאנג יורה דעה) האלט, אז היינטיגע צייטן, אפילו מ'זעהט ווי איינער איז עובר אן עברה און מ'זאגט אים מוסר, און ער איז נישט מקבל, טאר מען אים מיט דעם אלעם נישט פיינט האבן, וויבאלד נישט יעדער איינער האט די כוחות צו זאגן מוסר, און ווייסט ריכטיג ווי אזוי מ'דארף זאגן תוכחה. ווי די גמרא זאגט שוין תמהני? אויב ס'איז דא די דור ווער ס'קען מוכיח זיין, ווייל ס'קען זיין אז דער יצר הרע רעדט מער צו אים, ווי דיינע ווערטער...

**יט.** חפץ חיים (כלל ד, ד) בשם דער רבנו יונה, נאר ווען עס איז א עברה וואס ס'איז אנגענומען אין כלל ישראל אלס א עבירה חמורה, למשל עסן א דבר אסור, אדער חלילה וחס עריות, די אלע סארט עברות וואס ווערט גערעכנט אלס א הארבע עברה, מעג מען אים פיינט האבן. און אויך נאר נאכדעם וואס מען האט יענעם געזאגט מוסר און ער האט נישט מקבל געווען, אבער אויב ס'איז נישט קיין עברה חמורה, ווי דער חפץ חיים זאגט למשל ער האט גערעדט לשון הרע, הגם אז לשון הרע איז א סאך א ערגערע עברה, ווי א מענטש וואס עסט טרפות ווייל מיר פסק'נען דאך "אין לבשר עוף שחיטה מן התורה", און אויב איינער האט געגעסן בשר עוף טרפה, האט ער עובר געווען נאר אויף אן איסור דרבנן, און אויב איינער רעדט לשון הרע איז ער עובר אויף אן איסור דאורייתא, אבער פונדעסט וועגן דאך קוקט מען נישט וואס איז מער הארב, נאר וועלכער איסור איז מער אנגענומען אלס אן עבירה חמורה, אויב א איד עסט חזיר פלייש איז ער נישט קיין איד!

**ג.** אֲפִלּוּ נָאכְדֶעם וָואס מְ'הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, און יֶענֶער הָאט נִישְׁט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי רֵייד, אוּן סְ'אִיז אַ עֲבֵרָה וָואס אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַלְס חָמוּר, -הַאלְט תּוֹסְפוֹת- טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיס וֵוייזְן דִי שִׂנְאָה צוּ יֶענֶעם כְּאִילוּ סְ'אִיז אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂנְאָה[כ].

דער מהרש"א (נדה טז:) האלט אז די זעלבע דין איז אויך, אויב איינער איז עובר פריצות'דיגע עבירות, טאר מען אים נישט פיינט האבן, וויבאלד ביי אים איז דאס נישט חמור.

בדרך אגב, א איד איז אמאל געקומען צו רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל און אים געפרעגט, פארוואס זעט מען אז מענטשען זענען זיך משדך מיט מחותנים וואס רעדן לשון הרע, שקר, וכדומה, זיי זענען דאך עובר אויף איסורי דאורייתא, אבער איינער וואס וועט עסן חזיר אדער איינער וואס איזליידער נכשל אינעם הארבע איסור פון עריות, וועלן זיך מענטשען צוריק האלטן פון זיך משדך זיין מיט זיי, און אזעלכע מענטשען ווערן פארעכנט ווי אומווערדיגע אידן?

האט הגה"צ ר' מיכאל בער געענטפערט: מיר ווייסן דאך אז יעדע איסור פון די תורה איז אקעגן אן אנדערע אבר אין די גוף פון די מענטש, עסן טריפות, איז אקעגן די הארץ, א.ד.ג. דער וויכטיגע חלקים פון די מענטשס גוף, וואס אויב דאס פעלט, קען מען נישט לעבן, ווידער רעדן לשון הרע -כאטש וואס דאס איז זייער א הארבע איסור מן התורה- איז אקעגן א פינגער א.ד.ג., די חלקים פון די גוף וואס איז ווייניגער לעבנס וויטכיג... אוודאי איז לשון הרע א געפערליכע איסור, אבער ליידער זענען מענטשען נישט מקפיד דערויף און איז עס נישט חמור ביי אסאך מענטשען, אבער א פינגער ווייניגער הייסט אויך א פלעק...

**כ.** תוס' (פסחים קיג,ב ד"ה שראה), און די ראיה איז פון די גמרא אין בבא מציעא (לב:) וואס שטייט **'אוהב לפרק ושונא לטעון'**, ווען ס'שטייט פאר א מענטש צוויי מצוות, איין מצוה איז, מיין גוטער פריינד וואס איך האב אים ליב אהבת נפש, ער קומט אן מיט אלע פעקלעך, און ער האט נישט קיין כח צו שלעפן די פעקלעך, איז דאך א מצוה אים צו העלפן אראפ צו שלעפן די פעקלעך, און דא האב איך א שונא וואס איך האב אים געזעהן עובר זיין אויף א עברה בשאט נפש, און ער דארף נישט פורק זיין דעם משא פון דעם חמור, - ס'איז נישטא קיין חשש פון צער בעלי חיים, וואס די מצוה פון פורק זיין איז א סאך א גרעסערע מצוה, ווייל דער חמור האט צער בעלי חיים, - דארפסטו גיין צו דעם שונא, כדי צו זיך שלאגן מיט דעם יצר הרע פון די שנאה, פרעגט תוס' פארוואס, ס'איז דאך א מצוה לשנאתו, און מ'טאר נישט ליב האבן א בעל עברה, איז אויב אזוי פארוואס דארף איך העלפן דעם שונא בעפאר איך העלף מיין חבר.

זאגט תוס' אז פון דא לערנט מען אז ס'איז דא די שנאה פון די עבירה, און ס'איז דא א שנאה פערזענליך, אז דו ווייסט אים נישט העלפן אנלאדענען דאס פעקל, וועט ער עס זעהן און שפירן אז דו האסט אים פיינט, וועט ער דיר אויך פיינט האבן, ווי שלמה המלך זאגט אין משלי, (פרק כז יט) כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם, און פון יעצט גייסטו אים שוין נישט

**דֶער** חֲתַם סוֹפֵר הַאלְט אַז נִישְׁט אַרוֹיס וֵוייזְן פֶּערְזֶענְלִיךְ דִי שִׂנְאָה – אִיז נָאר "לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין"[כא]

**דֶער** בַּעַל הַתַּנְיָא (לִקּוּטֵי אֲמָרִים סוֹף פֶּרֶק לב) הַאלְט אַז אֲפִלּוּ דוּ הָאסְט רֶעכְט אִים צוּ פַּיינְט הָאבְּן, דָאךְ טָאר דָאס נִישְׁט זַיין מִיט אַ גַאנְצֶע פֶעסְטֶע שִׂנְאָה, וֵוייל אֲפִלּוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט גֶעזָאגְט (תהלים קלט כב) "תַּכְלִית שִׂנְאָה שְׂנֵאתִים" הָאט דָאס נָאר גֶעזָאגְט אוֹיף מִינִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים.

**ד.** דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הַאלְט, אַז דֶער גַאנְצֶע הֶתֵּר פוּן פַּיינְט הָאבְּן אֵיינֶער וָואס אִיז עוֹבֵר אַ עֲבֵירָה חָמוּר, אִיז דַוְקָא אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אִים, אוּן דוּ וֵוייסְט אַז דֵיינֶע מוּסָר רֵייד קֶענֶען אֵיינְפְלוּסְן דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּן דֶער עֲבֵירָה, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מְ'רֶעדְט צוּ אִים, עֶר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע בַּעַל עֲבֵירָה, אוּן דִי מוּסָר רֵייד וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, אַזַא מֶענְטְשׁ טָאר מֶען נִישְׁט פֵיינְט הָאבְּן.[כב]

---

פיינט האבן ווייל ער איז א עברין, יעצט האסטו אים שוין פיינט פערזענליך, ווייל איך שפיר אז יענער האט מיר פיינט, זאגט תוס', א פערזענליכע שנאה טארסטו נישט האבן.

**כא.** ער איז דאס מוכיח פון די גמרא אין גיטין (נה:) וואס פארציילט דארטן די מעשה פון "אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים" ווייל מ'האט פארשעמט א איד. פרעגט דער חתם סופר, ביי די סעודה זענען דאך געזעצן אלע גדולי הדור, און זיי זעהן ווי מ'פארשעמט א איד, און מ'ווארפט אים ארויס, פארוואס האבן זיי נישט מוחה געווען.

ענטפערט ער א מורא'דיגער יסוד, א ודאי איז דער בר קמצא נישט געווען א צדיק, דער קמצא האט אים פיינט געהאט ווייל ער האט געזעהן ביי אים א דבר ערוה וואס דעמאלטס איז דא א מצוה לשנאתו, און די חכמים האבן עס געוואוסט און דערפאר האבן זיי נישט מוחה געווען, אבער ס'איז דאך דא א תוס', אז מ'דארף אכטונג געבן ס'זאל נישט ווערן קיין פערזענליכע שנאה, און דערפאר דארף מען גיין צום שונא לטעון, אבער דעס אז איז נאר לפנים משורת הדין, מצד הדין מוז נישט זיין אז ס'וועט ווערן אויף א פערזענליכע שנאה, און דאס איז געווען די טענה וואס מ'האט נישט געטוהן קיין לפנים משורת הדין, און אזוי איז נגרם געווארן דער חרבן בית המקדש.

**כב.** ליקוטי אמרים תניא (פרק לב). דער משנה ברורה (סימן תרח ביאור הלכה ד"ה אבל) דינגט זיך לכאורה אויף דעם, ער האלט אז ביי אזא איינער איז טאקע נישטא קיין חיוב תוכחה, און ער ברענגט אראפ דאס וואס שטייט אין תנא דבי אליהו רבה (פרק יח) "הוכח תוכיח את עמיתך, ועמיתך שהוא אוהבך ושהוא עמך בתורה ובמצות אתה חייב להוכיח אותו, אבל **לרשע שהוא שונאך** אין אתה חייב להוכיח אותו".

**ה.** אויף צַעֲרָא דְגוּפָא, דָאס הֵייסְט אֵיינֶער וָואס הָאט מְצַעֵר גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁ'ס פֶּערְזֶענְלִיךְ גוּף, דַאן מֶעג מֶען אִים פֵיינְט הָאבְּן ווילַאנְג עֶר אִיז אִים מוֹחֵל.[כג]

## מִצְוַת תּוֹכָחָה

**אַ** זאךְ וָואס אִיז נִישְׁט קְלָאר אוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה, אָדֶער אַ עֲבֵירָה וָואס מְ'וֵוייסְט קְלָאר אַז יֶענֶער גֵייט נִישְׁט פָּאלְגְן, אֲפִלּוּ מֶען זָאגְט אִים מוּסָר, דַאן אִיז דָא אַ כְּלַל פוּן "מוּטָב שֶׁיִּהְיוּ שׁוֹגְגִין וְלֹא יִהְיוּ מְזִידִין" און מְדַארְף נִישְׁט מוֹחֶה זֵיין.[כד]

**אויף** אַן אִסּוּר וָואס שְׁטֵייט קְלָאר אַרוֹיס גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה אִיז מֶען מְחֻיָּב צוּ מוֹחֶה זֵיין, אָבֶער מִיט דֶער פָּאלְגֶענְדֶע תְּנָאִים.[כה]

**א.** אִין שׁוּ"ע (חו"מ סימן ערב סעיף יא) שְׁטֵייט: "נָהֲגוּ שֶׁלֹּא לִמְחוֹת, שֶׁמָּא יִמְסְרוּהוּ לַמַּלְכוּת", דָאס מֵיינְט וֶוען עֶס אִיז דָא אַ חֲשַׁשׁ אַז יֶענֶער גֵייט מַסֶרְן פַּאר דִי רֶעגִירוּנְג, אִיז מֶען פָּטוּר פוּן צוּ מוֹכִיחַ זֵיין.

**ב.** נָאךְ אַ הֲלָכָה גֶעפוּנֶען מִיר אִין שׁוּ"ע (יו"ד סימן שלד סעיף מח) אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ חֲשַׁשׁ אַז דֶער וָואס זָאגְט מוּסָר, וֶועט דֶערְלֵייגְן גֶעלְט, אִיז עֶר פָּטוּר צוּ זָאגְן מוּסָר רֵייד.[כו]

**ג.** אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט קְלָאר אַז דֶער בַּעַל עֲבֵירָה גֵייט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה, אֲפִלּוּ אוֹיבּ מֶען גֵייט מוֹחֶה זֵיין, קֶען מֶען מֵקֵל זֵיין און נִישְׁט מוֹכִיחַ זֵיין.[כז]

---

**כג.** שו"ע הרב (חו"מ צער בעלי חיים סעיף י'). וכן בפרמ"ג (או"ח סימן קנו משבצ"ז סק"ב, בשם הסמ"ע חו"מ ער"ב ס"ק יח),

**כד.** רמ"א או"ח סימן תר"ח סעיף ב.

**כה.** דער חיוב תוכחה נעמט זיך מדין ערבות. (שו"ע הרב שם סעיף ה).

**כו.** אבער אין אן אופן וואס עס וועט אים זיכער נישט קאסטן קיין געלט, איב ער יא מחוייב צו מוחה זיין. (פשוט, ועיין במנחת יצחק ח"ג סימן קיא אות ג- ח)

**כז.** ברכי יוסף (הובא בביאור הלכה שם ד"ה מוחין בידם), אבער דער מגן אברהם (סימן תרח סק"ג) ברענגט אראפ שיטת הסמ"ק אז אפילו יענער גייט נישט צוהערן, ליגט נאך אלס א חיוב צו מוחה זיין.

**ד.** אֵיינֶער וָואס אִיז אַ פּוֹרֵק עֹל, לְמָשָׁל אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא, דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹחֶה זֵיין.[כח]

**ה.** וֶוען מֶען אִיז מוֹכִיחַ זָאל מֶען עֶרְשְׁט זָאגְן מוּסָר רֵייד בִּלְשׁוֹן נִסְתָּר, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז אָסוּר צוּ טוּן דֶער עֲבֵירָה, אוּן נִישְׁט בִּלְשׁוֹן נוֹכֵחַ, דוּ הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען אַ עֲבֵירָה.[כט]

**ו.** אוֹיבּ מֶען זֶעהְט ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ **בְּשׁוֹגֵג**, זָאל מֶען נָאר מוֹכִיחַ זֵיין בְּרַבִּים אֵיינְמָאל. אָבֶּער אוֹיבּ עֶר מַאכְט אַ עֲבֵירָה בִּיחִידוּת, דָאס מֵיינְט וֶוען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶעהְן נִישְׁט, זָאל עֶר נָאר מוֹכִיחַ זֵיין בִּיחִידוּת.[ל]

**ז.** אוֹיבּ נָאךְ אֵיינְמָאל זָאגְן בְּרַבִּים, זֶעהְט מֶען ווִי יֶענֶער אִיז זִיךְ נָאךְ אַלְס נִישְׁט מִתְגַּבֵּר אוֹיף זֵיין יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר אִיז נָאכְאַמָאל עוֹבֵר דִי עֲבֵירָה, זָאל מֶען מֶער נִישְׁט מוֹכִיחַ זֵיין בְּרַבִּים, נָאר מֶען זָאל צוּגֵיין צוּ אִים אַלֵיין אוּן מוֹכִיחַ זֵיין.[לא]

**אָבֶּער** אוֹיבּ מֶען זֶעהְט ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין מוֹכִיחַ גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בִּיחִידוּת, דַארְף מֶען מוֹחֶה זֵיין בִּיז ווִילַאנְג עֶר טוּט שׁוֹין נִישְׁט דִי עֲבֵירָה.[לב]

---

**כח.** ביאור הלכה (סימן תרח ד"ה אבל אם מפורש) בשם הגר"א, זעה הערה כ. ועיין בסימן שפה (סעיף ג) אז א פורק עול, האט א דין ווי א נכרי.

אבער אויב מען קען מוחה זיין אויף א וועג אז יענער זאל זיך צוריק קערן צו אידישקייט, דאן איז יא דא א חויב פון מוחה זיין (מנחת חינוך מצוה קלט אות ז).

**כט.** קב הישר פרק סב.

**ל.** רמ"א תרח, ומשנ"ב ס"ק י.

**לא.** רמ"א (שם). ועיין בחפץ חיים (לשה"ר כלל י' באמ"ח סק"א). **וכשם שמצוה לומר דבר הנשמע, כך מצוה לומר דבר שאינו נשמע.** עס איז דא אמאל וואס איז בעסער נישט צו זאגן, און דער טעם דערויף איז: וויבאלד דער גאנצע ענין פון תוכחה איז דאך כדי צו אפהאלטן א איד פון עבירות, צוליב דער מצות ה' זאלן נישט ווערן פארשוועכט, מיט דעם וואס איינער איז מוכיח, נעמט ער זיך אן פאר כבוד שמים, און דאס העלפט מתקן זיין די וועלט, אז עס זאל זיין וואס ווייניגער עבירות, אבער אויב ער גייט מוכיח זיין און יענער גייט זיך קעגן שטעלן, און צוריק שרייען, דאן טוט ער גארנישט אויף מיט יענעם מוסר זאגן, נאר גאר פארקערט די כבוד שמים וועט מער פארשוועכט, וויבאלד ער רייצט אן יענעם צו טון נאכאמאל די עבירה. אזוי ווי רש"י זאגט (יבמות סה: ד"ה לומר דבר הנשמע) הוכח תוכיח – להוכיח מי שמקבל הימנו, דער גאנצע חויב איז נאר אויב יענער גייט מקבל זיין.

**לב.** שעה"צ סימן תרח (סק"ח). ועיין ברמב"ם (פ"ו הל' דעות ה"ח) אז ווען עס קומט זיך אנצוזעמען

**אויב** עֶר אִיז מוֹכִיחַ אַ גַאנְצֶע רַבִּים, לְמָשָׁל עֶר זֶעהְט וִוי אַפָּאר מֶענְטְשְׁען שְׁטֵייעֶן צוּזַאמֶען און שְׁמוּעְסְן בֵּיים דַאוֶוענֶען, דַארְף עֶר נִישְׁט זָאגְן יֶעדֶע אֵיינֶער עֶקְסְטֶער, נָאר עֶר זָאל מוֹכִיחַ זַיין אַלֶע אוֹיף אֵיינְמָאל.[לג]

**אֵיינֶער** וָואס זֶעהְט וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה בְּשׁוֹגֵג דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל עֶר זֶעהְט וִוי אֵיינֶער זָאגְט זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ צוּ וֶועם עֶר רֶעדְט וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, דַארְף מֶען מוֹחֶה זַיין וֵוייל דָאס הָאט אַ דִין וִוי בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם.[לד]

**אויב** אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה בְּמֵזִיד, דַארְף מֶען יֶענֶעם מוֹכִיחַ זַיין בִּיז ווילַאנְג עֶר אִיז מֶער נִישְׁט עוֹבֵר, אֲפִלּוּ יֶענֶער הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט דָאס עֶרְשְׁטֶער מָאל דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל מוֹחֶה זַיין, עַד כְּדֵי נְזִיפָה - בִּיז יֶענֶער שְׁרֵייט אִים אָן[לה]

**אויב** מֶען הָאט מוֹרָא אַז יֶענֶער גֵייט נְקָמָה נֶעמֶען, דַאן דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹחֶה זַיין.[לו]

**וֶוען** מֶען מֶעג מוּסָר זָאגְן, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זָאגְן דִי רִיכְטִיגֶע רֵייד, און אוֹיף אַן אוֹפְן אַז יֶענֶער זָאל דָאס מְקַבֵּל זַיין. דֶער רַמְבַּ"ם (פ"ו הל' דעות ה"ז) שְׁרֵייבְּט "הַמּוֹכִיחַ אֶת חֲבֵרוֹ. בֵּין בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינוֹ. בֵּין בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵין הַמָּקוֹם. צָרִיךְ

---

אויף כבוד שמים דארף מען מוחה זיין ברבים, אזוי לאנג ביז דער בעל עבירה הערט אויף זיינע שלעכטע מעשים.

**לג.** משנ"ב סימן תרח (סק"י) בשם המג"א (שם סק"ג), שו"ע הרב (שם).

**לד.** מנחת חינוך רמ אות א

**לה.** עס איז דא דריי שיטות אין גמרא (ערכין טז:), איין שיטה איז עד כדי הכאה –ביז שלאגן, אדער עד כדי קללה – ביז יענער וועט שעלטן, אדער עד כדי נזיפה – ביז שרייען און בלאזן אויפגערעגטערהייט, די רמ"א (סימן תרח סעיף ב) פסק'נט עד כדי הכאה אדער קללה, אבער די פוסקים (סמ"ק מג"א) האלטן ווי דער שיטה פון עד כדי נזיפה, און אזוי פסק'נט דער משנה ברורה (שער הציון שם סק" יג) דער ספר החינוך פסק'נט כמעט עד להכאה, עיין ויואל משה (הקדמה) ווי ער פסק'נט אז אין געוויסע פעלער נעמט מען אן עד כדי הכאה.

**לו.** מג"א (שם סק"ג) בשם ספר חסידים.

עס איז כדאי אראפ צו ברענגען די ווערטער פונעם שיטה מקובצת (ביצה ל.): והעיד הריטב"א ז"ל בשם רב גדול מאשכנזים שהעיד בשם רבותיו הצרפתים, ובכללם ר"י והר"ם מרוטנבורק שלא נאמרו דברים הללו אלא לדורותם, אבל בדור הזה שמקילין בכמה דברים ראוי לעשות סייג לתורה אפילו בדרבנן מחינן וקנסינן להו עד דלא לעברו לא בשוגג ולא במזיד, ושכן הוא במדרש ירושלמי והדבר נראה לי נכון, עכ"ל.

לְהוֹכִיחוֹ בֵּינוֹ לְבֵין עַצְמוֹ. וִידַבֵּר לוֹ בְּנַחַת וּבְלָשׁוֹן רַכָּה וְיוֹדִיעוֹ שֶׁאֵינוֹ אוֹמֵר לוֹ אֶלָּא לְטוֹבָתוֹ לַהֲבִיאוֹ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא". [לז]

**אַזוֹי** אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען מֶעג נָאר מוּסָר זָאגְן, אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס יֶענֶער הָאט גֶעטוּן, אָבֶער חָלִילָה נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם, וָואס דֶערְמִיט אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא. [לח]

---

**לז.** אין ספר יערות דבש שטייט אז ווען א מענטש איז מוכיח איינעם ריכטיג כהלכה, האט השי"ת רחמנות אויף אים, און ער געבט אים מער צייט צו קענען תשובה טון אויף זיינע עבירות. ער ברענגט א משל: דער סדר פון א יריד איז, אז די סוחרים האנדלען זיך איין סחורה אויף באָרג, און דער קומענדיגע מאל וואס עס קומט פאר דער יריד, ברענגן די סוחרים די געלט וואס זיי האבן פארדינט און מיט דעם צאלן זיי דאס וואס זיי האבן זיך איינגעהאנדלט בעפאר.

עס איז געווען א סוחר וואס איז געווען שולדיג אסאך געלט, נאכדעם וואס ער האט געקויפט אסאך סחורה, און דער צייט פון אפצאלן די חוב איז שוין אט אט געקומען, אבער ער האט נישט געהט גענוג געלט צו צוריק באצאלן. האט ער געטראכט א גוטע עצה, ער איז צוגעגאנגען צו אלע אנדערע סוחרים, און זיי אונטער געיאגט צו צוגרייטן זייער געלט וואס זיי זענען שולדיג, ווייל אט באלד קומט שוין פאר דער יריד.

ווען עס איז געקומען דער טאג וואס די סוחרים זענען געפארן צום מארק, האט דער בעל הבית גלייך אויפגעזוכט, דער סוחר וואס איז אים געווען שולדיג אסאך געלט, אבער אן ערפאלג האט ער אים נישט געקענט טרעפן, ער איז צוגעגאנגען צו די אנדערע סוחרים און זיי געפרעגט, וואו איז דער און דער סוחר? האבן זיי אים געענטפערט "ער האט נישט געקענט קומען, אבער ער האט אונז אלע צוגערעדט די לעצטע פאָר טעג, אז מיר זאלן צוגרייטן די געלט, ער איז אן ארנטליכע סוחר, ער גייט דיך זיכער צוריק צאלן די געלט וואס ער איז שולדיג".

אפאר טעג שפעטער, איז דער סוחר טאקע געקומען צום יריד, און ער האט זיך גלייך אנטשולדיגט פאר דער בעל הבית, אז ער האט נישט געקענט קומען פריער, אבער ער האט געשאפט די געלט, טאקע נישט דער גאנצע געלט וואס ער איז שולדיג, אבער וויבאלד ער האט געהאט זייער גרויסע דורכפעלער, און ער האט דערלייגט אסאך געלט, בעט ער פונעם בעל הבית אז ער זאל אים צוגעבן נאך צייט צו קענען באצאלן די חוב.

ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל איז מסביר דער נמשל, אז ווען איינער איז איינעם מוכיח, אפילו ער האט זיין אייגענע פעקל עבירות, ווייזט ער מיט דעם צום באשעפער אז ער קען נישט פארנעמען קיין עבירות, און ער זאגט אָן פאר אנדערע נישט צו זינדיגן, דעריבער געבט אים השי"ת מער צייט צו תשובה טון אויף זיינע עבירות.

**לח.** יכול יוכיחנו אפילו כשמשתנים פניו מפני הבושה, ת"ל ולא תשא עליו חטא (ערכין טז:).

**אִין** סֵפֶר כֶּתֶר רֹאשׁ בְּרֶענְגְט הַגָּאוֹן ר' חַיִּים וַואלָאזִין זי"ע בְּשֵׁם זַיין רַבִּי דֶער ווִילְנָא גָאוֹן אַ פְּסַק הֲלָכָה: אַז דֶער וָואס קֶען בְּטֶבַע זִיךְ נִישְׁט אֵיינְהַאלְטְן פוּן רֶעדְן שַׁארְפֶע און שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד, טָאר עֶר נִישְׁט זָאגְן מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטֶע, ווַייל עֶר וֶועט מִמֵּילָא נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין דֶער מִצְוָה כְּתִקּוּנָהּ.